STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01288

TAYTSH-VERTLAKH

Sholem Aleichem

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Betty & Gilbert Wolsky
in memory of
Boris & Luba Wolsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם׳ס

טייטש־ווערטלאך

געזאמעלט פון

יוסף קוצענאגי (קיץ)

אין דעם יאר 1916, ווען שלום עליכם איז געשטאָרבן, האָב איך אָפּגעדרוקט אין נויאָרקער „טאָג" די דאָזיקע טייטש־ווערטלאך, וועלכע איך האָב געזאַמעלט פון שלום עליכם'ס שריפטן.

שלום־עליכם'ס טייטש־ווערטלאך בילדן א זייער וויכ־טיגן טייל פון דעם הומאָר אין זיינע ווערק. ווען זיינע העלדן פאַרטייטשען א פסוק, זאָרגן זיי זיך זייער ווינציק וועגן דעם ריכטיקן פירוש־המלות. דער פסוק איז נאָר א באַווייז אויף למדנות. דער עיקר איז נאָר דאָס אייגענע ווערטל — א פאָלקס ווערטל, אָדער שלום עליכם'ס אן אייגענער איינפאַל.

די פאַרטייטשונגן און ווערטלאך זענען שוין אַזוי אריין אין אונזער טעגליכן געברויך, אז מען וועט שוין באַלד אין גאַנצן פאַרגעסן ווער עס האָט זיי געשאַפן — און אין די טייטשן שפּיגעלט זיך אָפּ א שטיק פילאָזאָפיע, עטיק און עסטעטיק פון אונזערע פאָלקס מאַסן.

דרוק איך יעצט נאכאמאל איבער די ווערטלאך און זאלן אונזערע אידישע לעזער האבן דאס פארגעניגן צו דערקוויקן זיך מיט די פארטייטשונגן און ניט פארגעסן זייער שאפער —

אונזער ליבן, הארציקן, קיינמאל־ניט־פארגעסענעם ש ל ו ם ע ל י כ ם ! . . . .

י. ס.

א.

אבל וחפוי ראש — א צובראָכענער, א צו־ברעקעלטער.

אָגיל ואשמח — צוגעשניטן און אויפ־געניייט . . .

אָדם יסודו מעפר וסופו לעפר — א מענטש איז שוואכער פון א פליג און שטארקער פון אייזען . . .

אָדם כבהמה נדמה — א מענטש באדארף ארבייטען, האָרעווען, פארשווארצט און אויס־געריסען ווערן צוליב א שטיקל ברויט . . .

אָדם קרוב לעצמו — אז מ'איז גוט פאר יענעם, איז מען שלעכט פאר זיך . . .

אהבתי — ער וויל זי, זי וויל אים . . .

אהבתי כי ישמע לי — כ'האָב פיינט אזעל־כע קאטאוועסלאך . . .

אולי ירחם — טאָמער פארדין איך דאָ . . .

אחרי ככלות הכל — עק וועלט . . .

איזה לחיים ואיזה למות — מאכט רש״י: גאָט איז גאָט און בראנפען איז בראנפען . . .

אין אומר ואין דברים — ער דערקענט מיך גאָר ניט . . .

אין אסתר מגדת — מאכט זיך תם׳עוואַטע . . .

אין חדש תחת השמש — קיין חכמות גייען נישט אָן . . .

אין לך אדם שאין לו פעקל — פון וואָס מ׳זאָל ניט רעדן, אויפ׳ן טויט מוז מען ארויף . . .

אין קוצים בפרוצים — פאר׳ן עסן גייט קיין טאַנץ ניט . . .

אין קמח אין תורה — אז מ׳שמירט ניט פאָרט מען ניט . . .

איש כמתנת ידו — איטליכער דארף זוכן זיין גלייכן . . .

איש לפעלו ואדם לעבודתו — דער שניידער צו דער שער און דער שוסטער צום ווארשטאט . . .

אל הארץ אשר אראך — וואוהין די אויגן וועלן דיך טראָגן . . .

אל הארץ אשר אראך — נאָ ווסיע טשע־טירע סטאָרעני . . .

אל רחום וחנון — ער ווייסט וואָס ער טוט . . .

אל תהי בז לכל בשר — אז מ׳עסט ניט קנאָבל, הערט זיך ניט נאָך . . .

אל תסתכל בגלעזעל, אלא בפלעשעל . . .

אל תסתכל בקנקן — קוק נישט אהין וואו מ׳דארף ניט . . .

אל תפתח פה לשטן — ניט דערהארן ועלן דאָס מיינע שונאים . . .

אל תקשו לבבכם — ארויסגעוואָרפן מיין טרחה . . .

אל תשלח ידך — א קאָטע פון דער פוטער...

אל תתהלל ביום מחר — א מענטש טראַכט און גאָט לאַכט . . .

אם אין אני לי מי לי — איך בין ניט איך, דו ביזט ניט דו . . .

אם אין קמח אין תורה — די תורה ליגט אין קאסטען און חכמה — אין קעשענע.

אם כבנים אם כעבדים — ווי מיט קינדער אזוי איז אָן קינדער . . .

א מכה בחברותה — וואָס גאָט גיט אבי איניינעם . . .

אני לדודי ודודי לי — איך בין דיינע און דו ביזט מיינער . . .

אָסור לרחם — נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט . . .

אש להבה — שוועבל און פעך . . .

אשרי האיש אשר לא הלך — וואויל איז דעם מענטשן, וואָס גייט ניט צופוס . . .

אתה בחרתנו — ניט אומזיסט איז אונז די וועלט מקנא . . .

אתה יצרת — דו האָסט, גאָט, באשאפן, עולמך — דיין וועלטל, מקדם — אויף יענער זייט שטאָט; בחרת בנו — און אונז אידעלאך האָסטו אויסדערוויילט מיר זאָלן זיצן אין ענג־שאפט, קאָפּ־אויף־קאָפּ אין א דערשטיקעניש; ותתן לנו — און דו האָסט אונז געטון געבן: צרות מיט ווייטאָגן, מיט דלות, קדחת מיט רביעית האָסטו אונז געגעבן ברחמיך הרבים...

ב.

באו מים עד נפש — דערלאנגט אין ביין
אריין . . .

באו מים עד נפש — ערגער קען שוין ניט
זיין . . .

בגדלותי — אין די פעדערן . . .

בגלופין — גאנץ פריילאך . . .

בנפו יבוא בגפו יצא — געוועזן אן ארימאן
און ארויס אן אביון . . .

בגפו יבוא בגפו יצא — אז מ'לייגט אריין
קרענק נעמט מען ארויס קדחת . . .

בור כרה ויחפרהו — ס'וועט א רוח אין
זייער פאָטער און מוטער אריין . . .

בחסד וברחמים — א שטריקל אויפ'ן האלז
און פאָזשאליוטע וו' קאזנו . . .

בחרבי וקשתי — ווי די מאמע האָט מיך
געהאט . . .

בימינך נצח — מיט'ן קאָפּ אין דער ערד . . .

בלא חרטה ובלא דריי — א גאנג זאָל
זיין א גאנג . . .

בכל לבבך ובכל נפשך — עסטו ברויט, דארפסטו וויסן פאר וואָס . . .

במקום שאין איש — איז הערינג פיש . . .

בנים גדלתי ורוממתי — האָרעווע פון קינדער׳ס וועגן, שלאָג זיך קאָפּ אין דער וואנט, והם פשעו בי — זאָגן זיי, אז זיי פארשטייען בעסער . . .

בסוסים וגמלים — אויף שיסל און אויף טעלער . . .

בעל כרחך אתה חי — איבער נויט שלעפּסטו אויף זיך דעם גלות, מעגסט יא וועלן, ניט וועלן, מ׳פרעגט ביי די קיין עצות נישט . . .

בעל כרחך אתה חי — א מענטש נעמט זיך ניט אליין דאָס לעבן . . .

בעל כרחך אתה חי — מיט געוואלד לעבסטו און מיט געוואלט צורייסטו א פּאָר שטיוועל . . .

ברוכים הבאים — מיט׳ן גרעסטן כבוד . . .

ברוך שלא עשני אשה — א אידענע בלייבט א אידענע . . .

ברכב ובסוסים — אויף שיסל און אויף טעלער . . .

בשגגה — אויף א געלעבטער . . .

בשם אלקי ישראל — מיט'ן קאפ אין דער ערד . . .

ג.

גם זו לטובה — גוט וואס כ'האב כאטש קינדער, אנדערע האבן דאס אויך ניט . . .

גם זו לטובה — ס'קען זיין ערגער, בעסער האט קיין שיעור נישט . . .

ד.

דברים ברורים — קורצע ווערטער . . .

ה.

הבה נתחכמה — לאמיר אים דורכברעכן די ביינער . . .

הודו לה' כי טוב — ווי אזוי גאט פירט אזוי איז גוט . . .

הזורעים בדמעה ברנה יקצרו — בעסער פריער באווארנט, איידער נאכדעם באוויינט . . .

החיים והמות ביד הלשון — אז גאט וויל

דרייצעז

שטראָפן א מענטשן, נעמט דאָס אָפּ ביי אים דאָס לשון . . .

החיים והמות ביד הלשון — מיט איין וואָרט קען מען זיך אמאָל קאַליע מאכן אזוי פיל, וואָס איר וועט דערנאָך ניט פארריכטן מיט קיין צען טויזענט ווערטער . . .

החלות לנפול — ביזט געווען א קבצן און וועסט בלייבן א קבצן . . .

החלות לנפול נפול תפול —איר האָט שוין אָנגעהויבן גיסן, גיסט שוין נאָך אביסל בראַנ־פען . . .

החלות לנפול נפול תפול — לאָז זיך עס נייען ווי ס'גייט זיך . . .

היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט . . .

הכל הבל — קרעפּלאַך עסן קען אויך נמאס ווערן . . .

הכל הבל — געלט איז קיילעכדיק . . .

הלך לעולמו — ער איז שוין לאַנג אין אמעריקע . . .

הלך לעולמו — שפּאַן, ברודער, שפּאַן . . .

הלך משה מדרכי — פּאַשאָל אָן א זייַ־געזונט אהיים . . .

פערצען

המבדיל בין קודש לחול — דער וואס האָט די קלינגערס, דעם איז וואויל . . .

המבלי אין קברים במצרים — קארג „אב־סטשעסטוועס" פאראן בא אונז . . .

המשפילי לראות בשמים ובארץ — אין דער ערד מיט די פּאסטאַראַנקס. . . .

הנשמה לך — די וועלט איז אויך א וועלט...

הנפש קח לך והרכוש תן לי — נעמט אייך דעם נפש און מיר גיט אביסל בראנפען . . .

ה' נתן ה' לקח — א ווייב איז א גאָט'ס זאַך . . .

ה' נתן ה' לקח — מיר זיינען ניט די ערש־טע, מיר זיינען ניט די לעצטע . . .

הרי אני כבן שבעים — נאָך גאנץ ווייט צו זיבציק . . .

השלך על ה' — פארלאָז דיך נאָר אויף גאָט, ער וועט שוין מאכן אזוי, אז דו זאָלסט ליגן ניין איילן טיף אין דער ערד, באקן בייגל און נאָך זאָגן: גם זו לטובה! . . .

השמים שמים לה' — ס'איז א הימעל פון גאָט . . .

פופצען

ז.

ואתא שונרא ואכלה לגדיא — נע מאלאָ
באבע כלאָפּאָטע קופּילע סאָבי קאָזא . . .

והילד איננו — כ׳זע אים ניט . . .

והשתיה כדת — אלסדינג דארף זיין באַ־
טראַכט . . .

ויאכלו — מאכט רש״י: ווי גאָט האָט גע־
באָטן . . .

ויאכלו — מ׳האָט געקנאקט ווי די היישע־
ריקן . . .

ויבוא המן — מאכט רש״י: דער רוח האָט
אים געבראכט צו טראָגן . . .

ויבוא המן — מאכט רש״י: אז מע קוקט
ארוים אויף משיח׳ן, קומט דער אוראַטניק . . .

ויהי ערב ויהי בוקר — געווען איז דאָס
צווישן טאָג און נאכט . . .

וימת משה — געשטאָרבן מאָטל . . .

ויסעו ויחנו — פאָר דו צו מיר, וועל איך
פאָרן צו דיר . . .

ויסעו ויחנו — טודא אי נאזאד . . .

ויסעו מרפידים — און מיר זיינען אוועק
מיט'ן וואלד גלייך אונזער וועג . . .

ושמחת בחגך — הוליע קבצן! . . .

ותלמוד תורה כנגד כולם — אביסל
מהיכא תיתי איז בילכער פון אלץ . . .

ז.

זה חלקי מכל עמלי — אזוי דאנקסטו מיר
פאר מיין סלוזשבע . . .

זן ומפרנס לכל — פירט דאָס וועלטעל
קלוג, מיט שכל . . .

ח.

חדש ימינו כקדם — דער אייגענער שלים־
מזל וואָס פריער . . .

הוס ורחם עלינו — האָב רחמנות אויף
מיין ווייב און קינדער . . .

חזק, חזק ונתחזק — זייט מיר געזונט
און שטארק און מאכט ווארעניקעס . . .

חכם עיניו בראשו — א קלוגן זאָגט מען
אויפ'ן וואונק, א נאר גיט מען מיט'ן שטעקן . . .

חלום חלמתי ואיני יודע — וואָס האָט זיך מיר געחלום׳ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט...

חנם אין כסף — טרוקן אָן פעטש . . .

ט.

טורא בטורא — א מענטש מיט א מענטשן . . .

י.

יאה עניותא לישראל — גאָט אליין האָט אויך פיינט א קבצן . . .

יאה עניותא לישראל — כטשערעוויטשקע קראַסנע לדיווקע כיווראָ . . .

יבוא יומה — ס׳וועט קומען אויף זיי א צייט . . .

יגיע כפיך כי תאכל — אז דו וועסט ניט האָרעווען — וועסטו נישט עסן . . .

ידע שור קונהו — א סקאָטינע פילט, אז מ׳האלט דאָס ביים פארקויפן . . .

יהללך זר — גוטע סחורה לויבט זיך אליין . . .

יודע נגן — פארשטייט אין די קליינע אותיות'לאך . . .

יודע צדיק נפש בהמתו — נישט טוביה'ס פערד גייט אויף מלחמה . . .

יומם ולילה על התורה ועל העבודה — אויף דער נאָדל מיטן פאָדם און געטשאָבעט מחילה תחתונים . . .

יעלה ויצמח — זאָל ער גיין, זאָל ער לויפן...

ירגזון — גאנץ ברייטלאַך . . .

כ.

כאור — דעמאָלס ווען גאָט אליין שלאָפט נאָך . . .

כאשר אבדתי אבדתי — געווען א שלים־מזל און א שלים־מזל וועל איך שוין שטארבן . . .

כבד את אביך — מ'פאָלגט נישט א טאטן, גייען זיי אליין צום שווארץ יאָר און מאכן א תל פון טאטע־מאמע . . .

כבדהו וחשדהו — נע וויר סאָבאקי . . .

כדבעי — ווי גאָט האָט געבאָטן . . .

כולו מוקשה — דער פסוק איז רעכט ארום און ארום . . .

כולם אהובים, כולם ברורים — אז גאָט גיט מיט'ן לעפל, גיבן לייט מיט'ן שעפל . . .

כולם אהובים, כולם ברורים — אלע ווײַ־בער זיינען אויף איין שניט . . .

כולנו חכמים — אלע ווילן לערנען . . .

כולנו נבונים — אלע ווילן שטודירן . . .

כי אדם אני ולא פאַרך —כ'בין דאָך עפּעס נישט קיין אינגעלע . . .

כי טובת מראה היא — שיינט ווי א שטיק גאָלד . . .

כי יבער כמעט אפו — וועט דיר אראָפּ די נאָז . . .

כי לא נאה כי לא יאה — ווי מ'בעט זיך, אזוי שלאָפט מען . . .

ככתוב — ווי גאָט האָט געבאָטן . . .

כל דכפין ייתי ויצרך — פאר'ן עסן גייט קיין טאנץ נישט . . .

כל האדם כוזב — איטליכער האָט זיך זיי־נע מכות . . .

כל האדם כוזב — וואו ערגעץ א צרה דארף דאָס טרעפן מיך . . .

צוואנציק

כלחוך השור — ס'איז נאָך געווען טונקל...

כל עורב למינהו — איטליכער טרינקער גע־פינט זיך זיין וויין . . .

כל עורב למינהו — איטליכער צו זיינעם...

כמה לקו במצרים — וויפיל האָב איך גע־דארפט משלם זיין? . . .

כסף וזהב מעשי ידי אדם — געלט באַ־גראָבט א מענטשן . . .

כעם איז עבודה־זרה — אזוי ווי די עבודה־זרה העלפט אזוי העלפט כעס . . .

כצינה רצון תעטרנו — מיט א דישל אין האלז אריין . . .

כרחם אָב על בנים — נישטאָ קיין שלעכט קינד ביי א טאַטן . . .

כרחם אָב על בנים — א פאָטער בלייבט א פאָטער . . .

כשושנה בין החוחים — ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן . . .

ל.

לא אמות כי אחיה — אז ס'איז נישט באַ־שערט שטאַרבן, שטאַרבט מען ניט . . .

לא בשמים ולא בארץ — צווישן הימעל
און ערד און טעלעפּעטשעט מיט די רגלים . . .

לא דובים ולא יער — ניט קיין סחורה,
ניט קיין געלט . . .

לא דובים ולא יער — ס'הויבט זיך גאָר
ניט אָן . . .

לאו עכברא גנב — נישט דאָס וועקסעל
צאָלט . . .

לא כל האדם כוזב — נישט יעדער איט־
ליכער איז דארויף א מבין . . .

לא יחרץ כלב לשונו — נעביי סאבאקא
דאראָם נע ברעשע — זאָל א הונט ניט בילן
אומזיסט . . .

לא לחכמים לחם — אלע קענערס גיין
אָן שטיוועל . . .

לא מעוקצך ולא מדובשך — זייט מיר ניט
קיין פעטער און ניי מיר ניט קיין שטיוועל . . .
לא מעוקצך ולא מדובשך — נישט קיין
געלט, נישט קיין געזונט, נישט קיין לייב און
לעבן . . .

לא מעוקצך ולא מדובשך — כ'בין אייך
מוחל דעם כבוד, כ'וויל נישט קיין פעטש . . .

לא מעוקצך ולא מדובשך — קריך מיר ניט אויפ'ן בוידם און דאָס מיר ניט אויפ'ן לייטער...

לא פדלתם — האָט איר ניט געטאנצט מיט'ן בער . . .

להושיבי עם נדיבים — זיך טוישן מיט די מיליאָנטשיקעס . . .

לי הכסף ולי הזהב — געלט איז בלאָטע...

לי הכסף ולי הזהב — מיין געלט — אייער סחורה . . .

לכל זמן — יעדער זאַך איז ביז א צייט...

לך לך מארצך — קריך אין זאק אריין, האָב חתונה, האָב קינדער און ווער פארשווארצט אויף דיינע יאָר און טעג, כי לכך נוצרת . . .

למה הרעת לעם הזה — וואָס קוקט איר מיך אָן ווי א בייזן מארשעליק ? . . .

למה זה אנכי — וואָס דארפסטו זיך מישן? . . .

למה זה אנכי — שאָ מיני מיקיטאַ זא טשו־לאָוויס . . .

למה רגשו גוים — וואָס האָט איר זיך צו־רעדט פון עסעניש . . .

למנצח על הגיתית — אז ס'גייט — לויפט עס . . .

לנכרי תשיך — מיט פּאָליציי דאַרף מען וויסן, ווי אַזוי צו האַנדלען . . .

מ.

מאין באת ולאן אתה הולך — ווער ביזטו און ווער איז ער ? . . .

מה אנו ומה חיינו — וואָס זאָלן מיר מאַכן ? . . .

מה אנו ומה חיינו — ווער בין איך אַזוינס, וואָס דו טראָגסט מיר אויפ'ן קאָפּ כסדר . . .

מה יקר — וואָס ווערסטו האָבן דערפאַר? . . .

מה נשתנה — ווי קום איך צו אים? איז דער תירוץ עבדים היינו — ס'איז אַזוי באַשערט . . .

מזנבת דחזירת לאַ מאַכאַנת שטריימי־לותא . . .

מי באש ומי במים — ווער ס'פּאַרט און ווער ס'גייט צופוס . . .

מי באש ומי במים — פאַר פייער און פאַר וואַסער . . .

מי ברעש ומי במגפה — אז ס'איז באשערט מוטשן זיך — שענקט גאָט דאָס לעבן . . .

מי ברעש ומי במגפה — אמאָל אזוי, אמאָל אזוי, אבי מ'זאָל זיין געזונט, ככתוב, ווי אין פסוק שטייט געשריבן: אסקאקורדע דבארבאנטע דפארשמאכטע דקורנאָסע . . .

מי ומי ההולכים — ווער זאָל שפּילן? . . .

מי ירום ומי ישפל — ווער ס'פּאָרט און ווער ס'גייט צופוס . . .

מכל הבא לידי — וואָס ס'איז מיר אין מויל אריינגעקומען . . .

מכלכל חיים בחסד — ווער ס'טוט טאָן שפּייזן אלע זיינע באשעפענישן, ומקיים אמונתו לישני עפר — אפילו די וואָס ליגן אין דער ערד און באקן בייגל . . .

מן השפה ולחוץ — פון דער סקאווראָדע גלייך אין מויל אריין . . .

מקימי מעפר דל — אז גאָט העלפט דעם אָרעמאן, מאשפות ירים אביון — איז אים גאָר ניט צו דערקענען . . .

משל כחרם הנשבר — די גאנצע וועלט איז בלאָטע . . .

משנה מקום משנה פלעצעל . . .

נ.

נותן בצימביל, הולך בטענצעל . . .

נקי — ריין ווי א טעלער . . .

נשים דעתן קלות — ווייבער זיינען גענז...

נשמת כל חי — אויך א באשעפעניש ביי גאָט . . .

נתן מעות לקח קמח — וואשי חראָשי, נאָשי טאָוואר . . .

ס.

סלחתי כדבריך — לאָז זיין מיט גליק . . .

ע.

עבדים היינו — דארויף זיינען מיר דאָך עפּעס שטיקלאך אידן אויף דער וועלט . . .

עד חצי המלכות — דאָס טעלערל פון הימעל . . .

עד כאן אומרים בשבת הגדול — היינ־טיגס מאָל גענוג . . .

עוד היום גדול — דער טאָג שטייט ניט . . .

זעקס און צוואנציק

עולים ויורדים — ארויף און אראָפּ . . .

עולים ויורדים — אז מ'שמירט פּאָרט מען...

עולם כמנהגו — לאָז זיך מיט זיי גאָט רעכענען . . .

עולם כמנהגו — די וועלט בלייבט ניט שטיין . . .

עזוב תעזוב — דארפסט אים נישט פארלאָזן . . .

עזים תעשה לך — ציגן זאָלסטו קויפן . . .

עין תחת עין — א פּאטש פאר א פּאטש...

על הראשונים ועל האחרונים — וואָס איך האָב גערעדט און וואָס איר האָט גערעדט . . .

על ישראל ועל רבנן — ס'זאָל א רוח אין זייער טאַטן אריין, אונזערע אידלאַך מיט אונזערע קאזיאָנע רבנים . . .

על ישראל ועל רבנן ועל תלמידיהון — א גוטער מאָרגן זאָל אייך זיין רבי מיט אייערע תלמידים . . .

על כל דברי שירות ותשבחות — אויף יעדן טרעט . . .

על כן יאבדו דרך — האלט איין דעם וואָגן . . .

עמא פזיזא — מיט א אידן איז נאָר גוט קוגל עסן, דאווענען פון איין סידור, און ליגן אויף איין בית־הקברות . . .

עמך — שער און אייזן אונזער פאָלק . . .

עני חשוב כמת — אָן פינגער קען מען קיין פייג ניט שטעלן . . .

עני חשוב כמת — ניטאָ פּאָפּע, גיי ליולע...

עקודים, נקודים וברודים — פּראָסטע מענשען, בעלי־מלאכות . . .

עקודים, נקודים וברודים — א מכה אויף א מכה און אויף דער מכה א בלאָטער . . .

פּ.

פשוט נבלה ואל תצטרך — א קניפּ אין באַק די פאַרב זאָל שטיין . . .

צ.

צדקת בדבריך — איר האָט היינטיקס מאָל דוקא ניט געטראָפן . . .

צהלה ושמחה — הוליע קבצן! . . .

צעקה הנערה — שריי צוזעצטערהייט . . .

צער גידול בנים — פון קינדער האָט מען צרות . . .

צפרא טבא למאריה דחיטה דקופיא דמחטא — א גוטער מאָרגן זאָל זיך אריינכאַפּן צו אייך רבי און צו אייערע תלמידים . . .

צרות רבים חצי נחמה — אז מ׳זעט זיך אָן יענעמ׳ס צרות, ווערט אביסל גרינגער אויף דער נשמה . . .

ק.

קאַפּאָטע במשכנתא שוויינקאַך בגרונם — פאַרזעץ די קאַפּאָטע און נעם אביסל בראַנפן . . .

קטונתי מכל החסדים — זאָל א רוח אין זייער טאַטן אריין . . .

קטונתי מכל החסדים — כ׳דאַרף עס אויף כפּרות . . .

קרוב לשכר ורחוק מקעשענע . . .

ר.

ראה נא בענינו — זע, באַטראַכט ווי מיר האָרעווען און נעם זיך אָן די קריוודע פון אָרעמע־לייט . . .

רבות מחשבות בלב איש — דוריען דומ־קאָיו באָגאַטיעיעט . . .

רבות מחשבות בלב איש — דאָס בעסטע פערד דאַרף האָבן א בייטש, דער קלוגסטער מענטש אַן עצה . . .

רגליהם ולא יהלכו — האָסט פיס, ביזט ניט קראַנק צו שפּאַנען . . .

רוח והצלה יעמוד ליהודים — א איד — כל זמן שהנשמה בקרבו — ס׳שלאָגט זיך נאָך אָן אָדער, טאָר ער ניט פאַרלירן דעם בטחון . . .

רוח והצלה יעמד ליהודים — גאָט זאָל העלפן דאָס קרן זאָל כאָטש זיין גאַנץ . . .

רוח והצלה יעמוד — מיין גלייכן וועל איך מיר געפינען — ממקום אחר . . .

רחל מבכה על בניה — א מאמע איז ניט א פאקרישקע . . .

רפאינו ונרפא — שיק אונז צו די רפואה, די מכה האָבען מיר שוין אליין . . .

ש.

שאו ידיכם — רוקי ווערך ! . . .

שבעה דברים בגולם — א אידענע האָט אין זיך ניין מאָס רייד . . .

שובר אויבים — א גוטער צאָלער . . .

שחורה אני ונאוה — ווער ס'איז שען, איר זענטביידע זאכן . . .

שלום בבית משכון בקעשענע . . .

שלשה דברים — צוויי ווערטער . . .

שלשה שאכלו — געגעסן פאר דריי . . .

שמלה לך קצין תהיה לנו — פעטש זאָלסטו כאפן און גבאי זאָלסטו זיין . . .

ששון ושמחה — א געשריי, א געפילדער...

ת.

תדבק לשוני — ווי אָפגענומען דער לשון . . .

תמות נפשי עם פלשתים — איך וויל אויך האָבן עולם־הבא א שטול אין גן־עדן . . .

תמות נפשי עם פלשתים — איר זאָלט קינדער צוזעצט ווערן טרינקענדיק . . .

דרייסיק.